שוין אזוי פיעל יאָהרען איז אַריבערגעפליגען פון דער צייט פון אינזער יוגענט אין דער אמאָליגער שטעדטעלע קריניק, און עס שטעהט נאָך אַלעס קלאָר פאַר מיינע אויגען. דער מארק, די קראָמען, די גאַסען, די הייזער און פאבריקען, די וועלדלאך, באזונדערס ראזבאיניקער וואַלד, וואו לעבען און די אומשטענדען האָבען אונז צואוואָרפען אין פארשיידענע די רעדעס פון די רעדנער וואָס פלעגען אונז דערצעהלען און פאר אונז מאָלען דעם צוקונפט אין אַ סאָציאליסטישער אָרדנונג, ווי שעהן און ליכטיג עס וועט זיין. און חאָטש מיר האָבען געהאַט אַ היבש ביסעל ענטישונגען אין אונזער שעהנעם אידעאַל פאַר די לעצטע עטליכע יאָהר, געהט דאָך די וועלט פאָראויס צו עפעס שעהנערס און בעסערס.

ווי צושפרייט און צוזייט מיר זיינען דאָ אין אַמעריקא געוואָרן. דער לעבען און די אומשטענדען האָבען אונז צואוואָרפען אי פארשיידענע געגענטען. דאָך בין איך אימער געוועזן גליקליך, ווען איך פלעג טרעפען וועמען פון די אמאָליגע יוגענט חברים. פיעלע אזעלכע האָב איך אמאָל באַגעגענט ביי אייך אין שיקאגאָ, און פיעלע פון אייך האָב איך באַגעגענט דאָ אין נויאָרק. ווען אונזער געמיינזאַמער פריינד, לואיס שיין, (לייבקע נאסקעס) האָט מיר געלאָזט וויסען פון אייער דרייסיג יאָהריגער יובילעאום, איז דאָס ביי מיר אַ פרייד, הארציגע חברים, אייך צו באַגריסען. און בעגריסענדיג אייך שטעל איך מיר פאָר ווי איך זעה אייך אַלעמען פאַר מיר. איהר שווימט ארויף לעבעדיג צוזאַמען מיט אונזערע אַלע איבערלעבונגען אין אונזערע יונגע יאָהרען אין אונזער ליבער שטעדטעלע, קריניק. פאַר דער מלחמה האָבען נאָך דאָרטען געלעבט איינינגע פון מיינע יוגענט פריינט און אַ טייל פון מיין משפחה. וואו זיינען זיי איצט? דערזעלבער גרויסער אומגליק האָט זיי אַלעמען פערכאפט. וויסענדיג דאָס אייער טהעטיגקייט איז געווידמעט צו העלפען די פיעל־ווינציג לעבען־געבליבענע, זייט איהר ווערטה באגריסט צו ווערן. איך ווינש אייך אַלעמען געזונט און שטארק זיין, איהר זאָלט ווייטער קענען אָנגעהן מיט אייער הייליגער ארבייט.

מיט חבר׳שע גרוסען, אייער

**דזשאָו אלפערט** (יאָסעל גאביאטער)

**MR. & MRS. JOE ALPERT**

300 RIVERSIDE DRIVE NEW YORK, N. Y.

מיינע הארציגע יוגענט חברים, לאַנדסלייט און שיקאַגער קרניקער פעראיין: זייט געבענטשט אין אייערע וויכטיגע אונטערנעמונגען. הלואי וואָלטען מיר געהערט מעהר לעבעדיגע גרוסען פון אונזער שטעטעל קריניק אָבער לייזער, ליידער, איז עס ניט אזוי. אָבער אייער ארבייט טאָר ניט אָפּגעשטעלט ווערן.

אייערע דזשוליוס סיגעל (זאַליעס)

Mr. & Mrs. Julius Siegel
310 Riverside Bvd.
Long Beach, N. Y.

---

איך, איינער פון זעליג ליב דעם שניידער'ס זיהן, וועלכער געפינט זיך די אלע יאָרען אין ניו בראַנזוויק, ניו דזשערסי, האָב דעם פאַרגנעניגען אייך צו באַגריסען לכבוד דעם 30 יעהריגען יובילעאום פון אייער קרינקער פעראיין אין שיקאגאָ און דעם 25 יעהריגער אניווערסארי פון דער לײדיס אָקזילוערי. איך ווינש אייך פיעל גליק און געזונט.

**Mr. & Mrs. D. Goldblatt**
14 Commercial Ave.
New Brunswick, N. J.

מיינע טייערע קרינקער לאַנדסלייט און מיטגלידער פון שיקאַגער קרינקער פעראיין און פרויען אָקזילוערי. נעמט אָן מיין הארציגע באַגריסונג צו אייער יום טוב. אייער ארבייט פאַר אונזער אומגליקליך שטעדטעל קריניק און אלגעמיינע הילפס ארבייט איז א הייליגע און וויכטיגע. איך וויל אייך אויסדריקען מיין דאנק צו מיין יוגענט חבר לייבקע נאָסקעס, וואָס האָט מיר אינפאָרמירט פון אייער יום טוב און מיר געגעבען דעם הלואי זאָלען מיר עפּעס הערען גו- פאַרגעניגען אייך צו באַגריסען. טע נייעס פון אונזערע היים שטעטלאַך.

אייערע, ברוך קליינוועלוועלם

**MR. & MRS. B. SENDERS AND FAMILY**
464 E. 26th Street
Peterson, N. J.

---

גוט יום טוב אייך, מיינע יוגענט חברים און חברות פון שיקאַגער קרינקער פעראיין און לײדיס אָוקזילוערי צו אייער 30 און 25 יאָהריגע יובילעאומס. ס'וואָלט זיך זעהר געוואָלט זיין מיט אייך ביי אייער שמחה און טאַקי כאַפּען א טענצעל, ווי אמאָל, אין אונזער ליבער שטעדטעלע, קריניק.

Mr. & Mrs. Laibowitz
176 Suydona Street
New Brunswick, N: J.

טייערע יונגענט חברים און איי-
ער שיקאגער קרינקער פעראיין:
מיט אלע ליבע יוגענט עראינערונ-
גען דריק איך אייך צו מיין הארצען
צוו אייער 30 און 25 יאָריגען יום
טוב. זייט געגריסט פאר אייער
גרויסע הילפס ארבייט פאר אונזער
שטעדטעל קריניק און אויך פאר
אייער אלגעמיינע גוטע הילפס אר-
בייט.

אייער פריינט און לאנדסמאן,
שואל כותיאל'ס

MR. & MRS. ALPERT
FAMILY
559 Sherly Street
Wintrop, Mass.

---

אויך איך ריוועלקע (ישראל-
טשעס טאָכטער) שיק אייך מיין
ליבען גרוס צו אייער יום טוב. אויך
הארציגע גרוסען צו מיין משפחה,
פריינט אין שיקאגא, העמאָנד, גע-
רי און לאס אנדזשעלעס.

Mrs. B. Miller & Children
364 Powero Bronx, N Y.

---

הארציגע גרוסען צו אלע מיינע
פריינט אין קרינקער שיקאגער
פעראיין. אייער טעטיגקייט איז
מיר אימער געווען צום הארצען
נאָהנט און טייער. טאָ זעצט פאָר
אייער ארבייט.

מיט יום טוב גרוסען,
אייערע חנה לייקע און קינדער

MRS. A. BLOCK
695 E. 3rd St. Brooklyn

---

נעמט אָן אונזער הארציגע באַ-
גריסונג צו אלעמען ביי אייך אין
פעראיין צו אייער יום טוב.

יאנקעל, פרומקע און זון

Mr. & Mrs. I. Friedman
1521 Sheridon Bronx, N.Y.

---

א הארציגען גרוס און גליק-
וואונש אלע מיינע יוגענט חברים
אין אייער שיקאגער קרינקער פער-
איין צו אייער גרויסען יום טוב.

Mr. & Mrs. Morris Bock
and Family
552 Parkside Ave.
Brooklyn, N. Y.

---

זייט געגריסט צו אייער גרוי-
סען יום טוב, שיקאגער קרינקער
פעראיין, אויך מיינע פריינט און
משפחה.

מייער און דאָבקע בלאק
און פאמיליע

BLOCK, 507 Oceon Pky.
Brooklyn

---

איך, אבע בלאַק מיט מיין פאַ-
מיליע, דער אינגסטער דאָהי פון
שמואל הערצל קאַטשקעס קינדער,
געוואָהנט פריהער אין קאָבי, באַ-
גרים אייך צו אייער יום טוב און
גרים אלע קרינקער לאַנדסלייט.

Mr. & Mrs. Abe Block
320 Dilmos Ave.
BROOKLYN, N. Y.

## באגריסונגען צו מיינע טייערע יוגענט חברים
## אין שיקאַגער קרינקער פעראיין

איך, איסער קאצקעס, פארבראכט מיינע קינדער יאָרען מיט פיעל פון אייך אין קרינק (אויף קאווקאַז) באַגריס אייך הארציג צו אייער יום טוב. איך האָף נאָך צו פיעלע יובילעאומס אייך באַגריסען.

MR. & MRS. I. TRUTBEIN

535 Graham Ave. Brooklyn, N. Y.

## מיינע חבר׳שע באַגריסונגען צו אייך אַלע מיינע טייערע
## לאַנדסלייט אין שיקאַגער קרינקער פעראיין

זייט געבענטשט און געגריסט פאר אייער גרויסע הילפס ארבייט, צו אייער 30 יאָהריגען יום טוב.

אייערער, חיים בערל, פרוי און קינדער.

MR. HYMAN WEINBERG

1767 Wacko Ave. Bronx, N. Y.

איך, מאַטע סטאָלער, האָב אמאָל געוואָהנט אין שיקאגאָ. איך האָב צווישען אייך פיעל טייערע פריינד, ווייל איך דורך אייער אויסגאַבע, ווידמענען עטליכע ווערטער דעם היילינגען אַנדענק פון מיינעם אַ חבר, וועלכער איז לעצטענס געשטאָרבען דאָ אין נויאָרק, מיט׳ן נאָמען יעקב קרעפּליאק, אַנגעזעהענער שריפטשטעלער, רעדאקציאָנס סעקרעטאר פון דער צוקונפט און עהרען פרעזידענט פון באיליסטאָקער האָום, און דער הויפט זאַך, אַ הארציגער, טייערער מענש, און אויך מיינע טייערע שי־קאַגער חברים, ווינש איך צו דערלעבען די פארוויקירליכונג פון די אידעאַלען, וועלכע יאנקעל קרעפּליאק האָט געפּריידיגט.

**MR. & MRS. MAX STOLLER**

**AND CHILDREN**

47 Van Cortland Pk. So. Bronx, N. Y.

# געווידמעט אונזערע ליבע און טייערע אומגעקומענע ברי־ דער און שוועסטער אין אונזער אַלטער היים־ שטעטעלע, קריניק

פון לייבקע שיין



חברים! איך האָב געוואָלט אייך באַגריסען צו אייער יובילײ,
קען איך איצט ניט, אין האַרצען טהוט אַזוי וועה...
טאָ לאָמיר אַלע צוזאַמען שטיל זיצען שבעה נאָך זיי,
וועלען מיר בעסער דערהערן זייער יאָמער-געשריי.

געווען אַמאָל א ליבע שטעדטעלע קרינקי,
געלעבט האָרטען פיעל משה׳לאַך, שרה׳לאַך און דינקי,
געקעמפט, געטרוימט פון שעהנע אידעאַלען,
ריין, געלייטערט פון קרינקער קוואַלען.

ניטאָ מעהר מיין ליבע שטעדטעלע אויף דער וועלט,
פיעלע אַזעלכע שטעדט און שטעדטלאַך פאַרברענט,
אונזערע ליבע און טייערע אויס׳גע׳הרג׳ט,
לאַנגע רייהען קברים די גאַסען פאַרשטעלט.

נו, איז דאָרטען איצט אימער ווינטער . . .
קאַלטע ווינטען בלאָזען, ניטאָ דאָרטען קיינער,
בלויז חמאַרעס קראָען פליהען אַרום . . .
און פיקען דעם לעצטען אומקום...

און אויב דו, מיין חבר, וועסט דאָרטען קומען אַמאָל
לאָזען א טרעהר אויף דיינע טייערע און ליבע,
כאָטש דו וועסט ניט וויסען פון זייער געביין,
איך וועל דאָרטען אויף זיין, מיט מיין געוויין...

## מיינע טייערע יוגענט חברים און לאַנדסלייט פון קרינקער פעראיין אין שיקאגאָ !

צום ערשטען, א הארציגען גוט יום טוב אייך. געזונט וואונשען צו אייך מיט אייערע פאַמיליעס און פריינט. אין א צייט פון פרייד, אָבער אויך פון טרערען איז אויסגעפאַלען אייער 30 יאָהריגער אניווערסארי יום טוב, איז וועגען די טרערען—ווייז איך זיך אוים פאַר זיך אליין, און אין די פרייד וויל איך זיך באַטייליגען מיט אייך, און זאָגען אייניגע ווערטער אין באַציהונג צו אייער גרויסער און שעהנער יאָרען לאַנגער טעטיגקייט לטובת אונזער ליבער היים שטעדטעל קריניק, און אויך לטובת אַנדערע אידישע און אלגעמיינע הילפס אַנשטאַלטען, און אזוי גוט ווי איך טייל זיך מיט אייך אין דער שמחה פון פאַרגאַנגענע אויפטהואונגען און נאָבעלע טהאַטען, אַזוי טייל איך זיך מיט אייך אין דער האָפנונג דאָס מיר אַלע וועלען דערלעבען אין גיכען צו הערן פון אונזערע אייגענע בלוט און פלייש, דאָס פיעל פון זיי זיינען גע־רעטעט און זי צוריק אומגעקערט צו זייער—אונזער אמאָליגער ליבער היים, און מיר זאָלען זיי העלפען זיך צוריק אויפבויען און שטעלען אויף די פים.

אימער אייערע,

**לייבקע נאָסקעס און איטקע**



**Mr. & Mrs. Louis-Yotta Schaen**

**2759 Barker Avenue**

**Bronx 67, N. Y.**

# נויאָרקער אַבטיילונג

א הארציגען גליקוואונש אונזער קרינקער פעראיין אין שיקאגאָ צום 30 יאָהריגען פייערונג און צו דער פרויען אָקזילוערי צו 25 יאָהר לעבען און ארבייט. איהר און מיר דאָ האָבען די אַלע יאָהרען, ספּעציעל זינט נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה געטהאָן הייליגע הילפס ארבייט פאר אונזער שטעדטעל קריניק. ליידער איז נאָך די לעצטע באריכטען ווייזט זיך ארוים דאָס פון אונזער שטעדטעל קריניק, אַזוי גוט ווי פון די מערסטע איבעריגע שטעדט און שטעדטלאך, פון וואַנען מיר אלע קומען, איז געבליבען א גאָר קליינטשיק צאָל לעבעדיגע. און דאָס ברענגט אריין א גרויסע מאָס טרויער אין יום טוב. אָבער אונזער ארבייט מוז אָנגעהן. מיר ווינשען אייך אלע געזונט און מוט. האלט אָן אייער הייליגע ארבייט.

**קרינקער ברענטש 389,**
**ארבייטער רינג,**

לואיס שעין און דזשיי לעווין,
סעקרעטערים

מיר שיקען אונזער ליבע באַגריסונג צום פעראיין׳ס 30 יאָריגע פייערונג און צו דער פרויען אָקזילוערי׳ס 25 יאָריגע פייערונג. מיר אַלס פרויען פיהלען אפשר נאָך מעהר ווי די מענער די וויכטיגקייט צום לעבען אין אן אָרגאַניזאַציע ספּעציעל אין אזעלכע ווי אייערע, וועלכע טוען אזוי פיעל גוטע הילפס ארבייט. זייט העצרליך געגריסט און האלט אָן אייער הייליגע ארבייט.

**קרינקער פרויען ברענטש 389,**
**ארבייטער רינג**

בערנים פרידמאן און פרידא קירשנער
סעקרעטערים

יעטא שיין און ליליען פּאַרטנאָי,
טראסטיעס

---

מיר שיקען אונזערע הארציגע באגריסונגען דעם קרינקער פעראיין צוזאמען מיט דער פרויען אָקזילוערי און אויך אלע אונזערע פריינט אין שיקאגאָ. הלואי וואָלטען מיר געקענט זיין מיט אייך צו אייע ריום טוב.

פייגעל (קוסיעל׳ס) און איזי ווישנאַק און טעכטער

**WISHNACK**
4010 Sexon Bronx, N. Y.

# דער 30 יאָהריגער עקזיסטענץ פון דער קרינקער פעראיין אין שיקאגאָ און דער 25 יאָהריגער עקזיסטענץ פון דער לײדים אַקזילוערי

פון ד. סעלקאָף

ווען מיר געהען פײערן אונזער 30 יאָהריגען יובילעאום איז דאָס מיט הערצער פול מיט פרייד, ווייל מיר האָבען מיט זיך א קאָלאָסאַלען באַגאַזש מיט וועלכען מיר אלע מעגען זיך פיהלען שטאָלץ.

היינט ביי אונזער גרויסען יום טוב ווערט אָפגעשלאָסען א גרויסער קאַפּיטעל פון 30 יאָהר וויכטיגע און נוצליכע ארבייט לטובת אונזער אַלטער היים שטאָט קריניק. גאַנצע דריי צעהנדליג יאָהר שטעהען דער קרינקער פעראיין און די לײדים אַקזילוערי אויף דער וואַך און אר־בייטען צוזאַמען האַנט אין האַנט צו העלפען זייערע אומגליקליכע שוועסטער און ברידער. און זייער הילף איז געווען וויכטיג און גרויס, סיי אויף׳ן עקאָנאָמישען געביט און סיי אויף׳ן קולטורעלען געביט.

דעריבער גלויב איך דאָס איצט איז די צייט דאָס יעדער איינער פון אונז זאָל זיך אָפּגעבען אַ שטיקעל חשבון הנפש וועגען אונזערע אויפ־טהואונגען און וועגען די רעזולטאַטען וואָס אונזער ארבייט האָט גע־בראַכט. אָבער די צייט און דער פּלאַץ ערלויבען ניט פאַרנעהמען זיך אויף אַ ברייטען שטייגער, מיט אַ פולען באַריכט פון אַלע טעטיגקייטען פון דעם קרינקער פעראיין און לײדים אַקזילוערי, און איך מוז זיך באַ־נוגענען בלויז מיט א פּאָר באַשרענקטע באַמערקונגען.

דער קרינקער פאראיין האָט זיך געגרינדעט דעם פופצעהנטען אָק־טאָבער 1915, מיט א קליינער גרופּע לאַנדסלייט וועלכע האָבען זיך פאַרזאַמעלט אין הויז פון אונזער פאַרשטאָרבענעם לאַנדסמאַן, ארציק טיקאָצקי, עה״ש, און דאָרט איז געלייגט געוואָרן דער פונדאַמענט פאַר דער שעהנער געביידע וואָס רופט זיך קרינקער פעראיין. מיט 5 יאָהר שפּעטער, אין 1920, באַלד נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה, ווען ס׳האָבען אָנגעהויבען אָנקומען אַהער פון די ערשטע טראַנספּאָרטען אימיגראַנטען, צווישען וועלכע עס האָבען זיך געפונען די סעלקאָף פאַמיליע, איז ביי זיי אין הויז געגרינדעט געוואָרען די לײדים אַק־זילוערי, פון וועלכע מיין גאָטזעליגערפרוי, לאה עה״ש, איז געווען איינע פון די ערשטע פיער מעמבערס, וועלכע האָבען אָרגאַניזירט דער אַקזילורעי. זייער הויפּט איפגאַבע איז געווען צו שאַפען זאַכען פאַר די נאָהענט צו הונדערט יתומים און יתומות, וועלכע האָבען זיך דאַן געפונען אין קריניק. וואָס ווייטער האָט זיך זייער מיטגלידערשאַפט פאַרגרעסערט און זייער טעטיגקייט צושפּרייט און פאַרצווייגט אויף פאַרשיידענע אַנדערע געביטען לטובת דער היים שטעדטעל קריניק און לטובת אַנדערע אידישע און אַלגעמיינע וואָהלטעטיגע צוועקען. דער פעראיין מיט דער לײדים אַקזילוערי האָבען שטענדיג געאַרבייט אין האַרמאָני און קאָ־אָפּעראַציע פאַר דיזעלביגע צוועקען. דער פעראיין און אַקזילוערי האָבען שטענדיג געהאַט גוטע, געטרייע און איבער־בענע בעאמטע.

*צום שלום וויל איך באַגריסען אַלע מיטגלידער פון פעראיין און לײדים אַקזילוערי. איך ווינש זיי אַלעמען געזונט און לאַנגע* [illegible] פון טעטיגקייט אויף די געביטען פון העלפען אלע נויטליידענדע [illegible] בע נויט גען זיך אין זייער הילף.

# פינאַנציעלער באַריכט פון קרינקער פעראיין אין שיקאגאָ

פאר די 30 יאהר, פון אקטאָבער 1915, ביז אקטאָבער 1945

●

איננאַהמע פון דיוס, אונטערנעמונגען, ביישטייערונגען — — — $38,921.52

אויסגאַבען—אַדמיניסטראַטיווע ווי אויך פארשיידענע בע־
נעפיטס צו מעמבערס, אויך שטיצע פאַר קריניק און
אַלע לאָקאַלע און אַלגעמיינע אידישע און ניט־
אידישע אָרגאַניזאַציעס — — — — — — — — — $38,351.70

פאַרבלייבט אין דער טרעזשורי — — — — — — — — — $ 569.82

דער אויבען געגעבענער באריכט נעמט ניט אריין די סומע פון $400 וואָס איז געזאמעלט געוואָרן דורך דעם פעראיין אין 1939 און איז איבערגעגעבען געוואָרן דירעקט צום וועלפער פאָנד.

דער באריכט נעמט אויך ניט אריין די 1000 דאָלאר וואָס דער פעראיין האָט געזאמעלט פאַר דעם קרינקער פאָלקס שולע בנין, פון וועלכע $800 איז אוועקגעשיקט געוואָרן אין קריניק און $200 געפינט זיך דאָ אַלס באזונדער פאָנד.

דער באריכט נעמט אויך ניט אריין די אייננאַמע און אויסגאַבע פון דער לײדיס אָוקזילערי פאר דיזעלבע צוועקען, וואָס טרעפט אָן בערך $10,000.

## LOAN FUND OFFICERS

Mrs. M. RUBIN ........ ........... *Executive Secretary*
Mrs. M. POLLACK ............................. *Secretary*
Mr. J. SILVER ................................. *Treasurer*

TRUSTEES

ANNA GREENBERG    ROSE JACOBS

---

## Anniversary Arrangement Committee

Philip Schneider
Meyer Jacobs
A. M. Weinberg
J. Silver
Anna Jacobs
Bobke Lieder
Dina Lieder
Esther Perlman
Minnie Pollack
Hinda Solovy
Max Jacobs
A. Friedenstein
M. Litkotzky
Anna Greenberg
Rose Jacobs
Rebecca Garfield
Anna Schneider
Liza Silverstein
Anna Terke
Anna Weinberg

---

## Press Committee

P. Schneider
M. Jacobs
M. A. Jacobs
M. Tikotzky
A. Friedenstein
A. M. Weinberg

# OFFICERS OF THE FIRST KRINKER

# AID SOCIETY

| | |
|---|---|
| PHILIP SCHNEIDER | *President* |
| MAX JACOBS | *Vice President* |
| MEYER JACOBS | *Financial Secretary* |
| ABRAHAM FRIEDENSTEIN | *Recording Secretary* |
| A. M. WEINBERG | *Treasurer* |

## Ladies Auxiliary Officers

| | |
|---|---|
| ANNA GREENBERG | *President* |
| ANNA JACOBS | *Vice President* |
| BOBKE LIEDER | *Treasurer* |
| REBECCA GARFIELD | *Secretary* |
| ROSE JACOBS | *Social Chairman* |
| ANNA WEINBERG | *Hospitaler* |

### VEREIN EXECUTIVE COMMITTEE

J. Silver M. Litkotzky J. Lieder

## Ladies Auxiliary Executive Committee

Anna Schneider
Dinah Lieder
Anna Terkel
Esther Perlman
Hinda Solovy
Liza Silverstein

### CEMETERY DEPARTMENT

| | |
|---|---|
| JULIUS LIEDER | *Superintendent* |
| MEYER A. JACOBS | *Secretary* |
| M. TIKOTZKY | *Treasurer* |

### TRUSTEES

A. Lieder Ben Alpert Sam Sacks

צעבראָכענע, צעדריקטע און איינגעדאַרטע גופים. וואו עס דאכט זיך, דאָס עס איז שוין כמעט ניט געבליבען קיין שטיקעל פלאַץ צום אויפהאַלטען אַ נשמה? דעריבער ליגט טאַקי אויף אונז איצט דער הייליגער חוב צו געבען דעם פאַסענדען ענטפער צו די שארית הפליטה, צו די ביסעל איבערגעבליבענע. און דער ענטפער דארף און מוז זיין א ווירדיגער און פאָזיטיווער. מיר זיינען מיט אייך! מיר פיהלען אז עס איז אונזער הייליגע פליכט אייך מיטצוהעלפען צו קומען צו זיך אוואו איהר זאָלט זיך ניט געפינען. מיר שטרעקען אויס אונזער ברידערלאכע האנט, און טאַקי איצט ב ייאונזער יום טוב און שמחה נעמען מיר אויף זיך צו מאַכען דעם נויטיגען חשבון הנפש צו האָבען מיר גענוג געטהאָן אין די פאַרגאַנגענע 30 יאָהר. די פון אונז וועלכע האָבען געארבייט און מיטגעהאָלפען די אלע יאָהרען, וועלען זיך איצט דאַרפען אביסעל מעהר אונטערגאַרטלען מיט מעהר מוט און אָנשטרענגונג, און די וועלכע זיינען אַביסעל צוריקגעשטאנען, וועלען מוזען דערפיהלען דאָס איצט איז ניט די צייט פאַר אַוועקשטעהן, נאָר פאר ארבייטען און אַרויסהעלפען. מיר מוזען אַלע צוזאַמען צולייגען האַנט און הארץ צום העלפען בויען אַ שעהנערע און בעסערע וועלט, אין וועלכע מיר נויטיגען זיך אַזוי שטאַרק. מיר פיהלען און האָפען דאָס איהר, די ביסעל איבערגעבליבענע פון שרעקלאַכען חורבן, וואו איהר זאָלט זיך ניט געפינען, וועט דורך אונזער אלעמענס אָנשטרענגונג, קריגען די נויטיגע מעגלאכקייט צו קאָנען געניסען פון דעו נייעם לעבען וואָס שטעהט פאַר אונז אַלעמען פאָר, און מיר רופען אויס ביי אונזער איצטיגער שמחה, ווי מיט אַ קול שופר: ברידער און שוועסטער, לאַנדסלייט און פריינט, לאָמיר זיך נעמען צוזאַמען צו דער ארבייט.

---

# בין השמשות געדאַנקען

פון מ. טיקאָצקי

די פייערונג פון דעם 30 יאָהריגען אָפּשלוס פון דער קרינקער פּערײן'ס עקזיסטענץ וועקט אין מיר אויף פארשיידענע געדאַנקען אין פאַרבינדונג מיט מיין היים שטעטעלע, קריניק. זכרונות פון דעם גאָר אמאָל שווימען ארויף פון דעם טיפען הינטער בעוואוסטזיין און מיט דעם שטראָם פון די מחשבות ווער איך פארטראָגען צוריק צו דעם ווייטען פאַרגאַנגענהייט צו מיינע קינדער יאָהרען אין מיין היים שטעטעלע קריניק, צו איהרע פעלדער און טייכעלאַך, וואו ווערבעס וואַקסען ביי זייערע ברעגעס. ס'דערמאָהנען זיך די שטיפערישע שפילענדיגע און זאָרגלאָזע יאָהרען פון דער קינדהייט. און אין ליכט פון די דערינערונגען זעהט זיך דער קאָנטראַסט צווישען דעם זוניק-שיינענדען אמאָל און דעם שטן'דיגען בין השמשות'דיגען היינט, אַזוי שארף און בולט.

דאָס רופט ארויס שטימונגען פון יאוש און געדאַנקען פון צווייפעל, צי ס'איז עפּעס דאָ אַ זין און אַ צוועק אין דעם מענשען'ס לעבען, צי עס איז דאָ אַ תכלית אין דעם קומען, זיין און פארגעהן, ווי אַ בלעטעל פון ווינט אָפּגעריסען. וָאָט ערשט יונג, פול מיט לעבען און שוין באַלד ניטאָ. עס וועט פאַרבלייבען נאָר אַביסעל ערד, אַ פרישער קבר, און צוקאָפּענס פאר א צייכען אותיות אויף אַ שטיין...

# אַ פאַרשטערטע שמחה, אָבער דאָך אַ שמחה . . .

פון מײשל װײנבערג

30 יאָהר איז געװאָרן זינט דער קרינקער פאראײן האָט זיך גע־גרינדעט, און 25 יאָהר עקזיסטירט שוין אונזער פרויען אָרגאַניזאַציע. איז דאָס זיכער אַ גרויסער יום טוב, ספּעציעל װען מיר האָבען הינטער זיך געלאָזען אַ שליאַך פון װירדיגע און נוצבארע, איך װאָלט זאָגען, כמעט הײליגע ארבײט. מיט אַ שטײגער, מײנע ליבע לאַנדסלײט און פרײנט, גיט נאָר אַ מיש די בלעטער פון אונזערע פאַרגאַנגענע 30 יאָהר ארבײט, און איהר װעט דערפילען אַ שטאָלץ װאָס איהר האָט עפּעס אַ שײכות צו דעם װאָס איז אָפּגעטהאָן געװאָרן. און די װעלכע זײנען געשטאַנען פון דער װײטען און האָבען פאַרפעהלט צוצולײגען אַ האַנט, מוזען זיך פיהלען אַביסעל פאַרדראָסיג אויף זיך אַלײן, פאַר׳ן אװעקשטעהן פון דערװײטען, װײל עס איז חאָך ניטאָ קײן אידישע אינסטיטוציע, װאָס איז װערטה אונטערשטיצט צו װערן, צי דאָס איז אויף׳ן עקאָנאָמישען, קולטורעלען, צי װאָהלטעטיגען געביט, דאָס מיר זאָלען ניט האָבען אויסגעשטרעקט אונזער ברידערלאַכע האַנט און געהאָלפען מיט׳ן פולען מאָס, און צומאָל נאָך אַריבערגעצויגען די מאָס, און געהאָלפען אַריבער אונזערע כחות . . . איז דאָך זיכער אונזער איצטיגע 30 און 25 יאָריגע פײערונג, אַ יום טוב פון צופרידענהײט און פרעהליכקײט... אָבער לײדער, לײדער, איז אַ גאַר גרויסע פּאַרציע ביטערקײט ארײנגעגאָסען געװאָרן אין אונזער בעכער פון פרײד, װײל כאָטש אונזער שמחה װערט געפײערט שוין נאָך׳ן בלוטיגען קריג, װען געזיגט האָט אונזער צד, און די פינסטערע כחות פון נאַציזם און פאַשיזם ליגען באַזיגטע און צוטראָטענע, און די טויב פון פרידען דארף פלאַטערן איבער אונזער זינדיגער װעלט, דערטראָגען זיך אָבער צו אונז די פאַרשטיקטע קולות פון אונזערע דערמאָרדעטע, צודריקטע און געפּײניגטע טאַטעס און מאַמעס, שװעסטער און ברידער, דערװאַקסענע און נאָך גאָר יונגינקע. און עס װערט צונויפגעגאָסען אין אײן גרויסען װײה-געשרײ: ״צו שפּעט! צו שפּעט!״ װײט, װײט צו לאַנג האָט זיך דאָס פאַרצויגען. מיר האָבען זיך אויף דער גאולה ניט דערװאַרט... בלויז אַ גאָר קלײנטשיגען טײל פון אונז איז געלונגען זיך אויסצובעהאַלטען פון תליון׳ס הענט. און גאַנץ אָפט קומט בײ אונז די ביסעל איבערגעבליבענע ארויף די שװערע און װײטאָגדיגע פראַגע, צי האָט זיך דאָס געלוינט די גאַנצע פּלאָגעניש, מאַטערניש און לײדען? צום דערהאַלטען דעם מיזעראַבלישען שטיקעל לעבען און די ביסעל

צדקה און לער-אַנשטאַלטען, און מיר האָבען זיי געהאָלפען זיך אויפ-בויען און שטעלען אויף די פיס. אונזערע פליכטען צו זיי האָבען מיר גלענצענד דערפילט און מיר מעגען זיך איינע די צווייטע גראַטולירען און פיהלען שטאָלץ מיט אונזערע אויפטואונגען. דאָס וואָס איז ארויס-געקומען דאָס מיר האָבען געבויט על אבני תהו ועמודי בהו איז ניט אונזער שולד. אונזערע כוונות, אויך אונזערע מעשים, זיינען געווען גוטע. איצט, ביי דעם אָפּשלום פון אונזער 30 יאָהריגער טעטיגקייט, מוזע מיר שטעהן אויף דער וואַך, גרייט פאָרטצוזעצען אונזערע פונק-ציעס מיט דער האָפענונג צו הערען אין גיכען זייער רוף. אָט די האָפ-נונג גיט אונז מוט און קרעפטען אָנגעהן מיט דער ארבייט פון שאַפען די מיטלען, דאָס ווען דער הילפס-רוף וועט קומען זאָלען מיר זיי ענט-קעגען קומען מיט גענינגענדע און ממשות׳דיגע הילף.

איצט א פּאָר ווערטער צו מיינע חברים, די אָפיסערס פון קרינקער פעראיין און ליידיס אָקזילערי. מי שטעהען צוזאמען כמעט פאַר דער גאנצער צייט פון דער אָרגאַניזאַציעס עקזיסטענץ. מיר האָבען זיך צו-זאַמען געעלטערט ביי דע ראַרבייט. אין אלע צייטען האָט געהערשט צווישען אונז די בעסטע און די פריינדלאַכסטע באַציהונגען אפילו ווען ס׳איז געווען מיינונגס פארשיידענהייטען אין געוויסע פראַגען, איז דאָס געשליכטעט געוואָרן אויף אַ ברידערלאכען און פריינדלאַכען שטייגער, אין דעם גייסט פון געזעלשאפט און טאָלעראנץ. איך וויל דאָ אויס-דריקען מיין וואונש און האָפענונג דאָס מיר זאָלען נאָך לאַנג פאָרט-זעצען ואנזער וואָהלטעטיגע און געגענזייטיגע טעטיגקייטען אין די-זעלבע פריינדלאכע באַציהונגען ווי ביז איצט, און מיר זאָלען דער-לעבען די באפרייאונג פון דער מענשהייט בכלל, און די דערהויבונג פון דעם אידישען פאָלק בפרט.

איך באַגרים און גראַטוליר אייך, חברים און חברות פון קרינקער פעראיין און אָקזילערי. איך ווינש אייך חזקו ואמצו.

האָבענדיג אין געדאַנק די גרינדונג פון דעם קרינקער פעראיין אין שיקאַגאָ מיט 30 יאָהר צוריק, קענען מיר אָנהויבען טראַכטען, ריידען אָדער שרייבען פון דעם קרינקער פעראיין אָפגעזונדערט פון דער היים שטאָדט קריניק? און צו קענען מיר אין אונזערע געדאַנקען אָפּטיילען די שטאָדט קריניק פון אַלע שטעדט און שטעדטלאַך אויף יענער זייט ים שמחה, אָדער ניט שמחה, יום טוב אָדער ניט יום טוב, אימער און שטענדיג זיינען מיר באוואוסטזיניג פון דעם חורבן האומה. צו אַלע צייטען זיינען מיר באַהערשט און דורכגענומען מיט דעם "אוי מה היה לנו" געפיהל. אפילו ווען אויסערליך ווערן מיר ווארשיינליך מיט-געריסען מיט דעם לעבען-אימפעט און געהען מיט'ן שטראָם אָנהאַל-טענדיג דעם לעבענס-שטייגער. מיר פראַווען שמחות, פּארטיס, הול-יאַנקעס "ככל הגוים", אָבער טיף אין אונזער באוואוסטזיין פיהלען מיר שטענדיג דעם נאָכקלאַנג פון דעם נביא'ס געשריי, "אַל תשמח ישראל אל גיל כעמים". ווארום די גויעשע שמחות זיינען פּאָזיטיווע, זייערע ימים טובים דריקען אויס פרייד פון זיג און נצחון, געווינס און עראָבערונג.

אָבער די אידישע ימים טובים זיינען נעגאַטיווע. נסים שמסות. מען פרעהט זיך וואָס מען איז ניצול געוואָרן פון פולשטענדיגער פארניכ-טונג און מען דאַנקט גאָט וואָס ער האָט איבערגעלאָזען א שארית הפליטה.

אין באציהונג צו אונזער איצטיגען יום טוב — מיט 30 יאָהר צו-ריק, גלייך נאָך דער ערשטער וועלט מלחמה, האָט אונז דערגרייכט דער הילפס געשריי פון אונזערע שוועסטער און ברידער אויף יענער זייט ים. א דאַנק די נאַטירליך איינגעבאָרענע עמאָציאָנעלע נייגונגען פון דעם מענשען וואָס פארבינדען איהם מיט דינגע, אומזיכטבאַרע פעדים צו זיין געבורטס-אָרט און מיט זיין שטאַם, האָבען זיך די קרינקער לאַנדסלייט אין שיקאַגאָ פאַראייניגט פאַר דעם צוועק צו לייסטען ממשות'דיגע הילף צו די נויטליידענדע. אָט אזוי איז גע-באָרן געוואָרן דער קרינקער פעראיין, און פון דאן אָן האָבען מיר ענט-וויקעלט א לעבעדיגע טעטיגקייט אויף' געביט פון הילף און רעטונג און אויף פארשיידענע אַנדערע וואָהלטהעטיגע און געגענזייטיגע געבי-טען. מיר האָבען אונטערנומען אקציעס און געפיהרט קאמפּיינען, גע-זאַמעלט און געשאַפען באַדייטענדע סומען פאַר זייערע רעליגיעזע,

# געדאַנקען און שטימונגען

פון א. פרידענשטיין

צוטרעטענדיג צו דער ארבייט, מאכען פאַרבערייטונגען צו אונזער 30 יאָהריגער אניווערסארי פייערונג, קומט ארויף די נויטיגקייט ארויסצוגעבען א סואווניר בוך, אויב אפילו אין א קלענערען פאָרמאט, צו פארצייכענען לזכרון די וויכטיגקייט פון דעם יום טוב און אויך אַלס מיטעל פאר אונזערע חברים און פריינד, סימפּאַטייזערס פון אונזער אָרגאַניזאציע, אויסצודריקען זייערע גוטע וואונשען צו די בעלי שמחה. אין דער צייט וואָס די שורות ווערן געשריבען, קען מען שוין מעהר אָדער ווינציגער געבען אן אָפּשאצונג פון דעם דערפאָלג פון דער אונטערנעהמונג. דער אָפּרוף מיט באגריסונגען איז צופרידענשטעלענד, און אויך דערפרעהענד. דאָס קען אָנגענומען ווערן אלס אויסדרוק פון אַנערקענונג און צופרידענקייט מיט דער 30 יאָהריגער פונקציאָנירונג פון דער קערפערשאפט.

אין דעזעלבער צייט איז אויך ווינשענסווערטה דאָס אין דעם בוך זאָל אויסגעדריקט ווערן כאָטש אביסעל פון די געדאנקען, שטימונגען און געפיהלען וואָס דער 30 יאָהריגער אָפּשוים פון דעם קרינקער פעראיין און ליידים אָקזילוערי טעטיגקייט, רופט ארויס ביי די וועטעראנען וועלכע זיינען געשטאנען ביי דער וויגעלע פון דער אָרגאַניזאַציע, און האָבען איבער איהר געוואכט און ערצויגען ביז דער עלטער פון בת שלושים. ביי מאַנכע קען אויסקומען דאָס איך וועל זיין אויסער דער צייט און אויך אויסער'ן פלאַץ, אריינברענגענדיג אַן אומעטיגען מאָטיוו אין אונזער זמן שמחתנו. אָבער ווי שטארק מיין ווילען זאָל ניט זיין אָנצושלאָגען א פרעהליכען טאָן און אריינברענגען אַ שטימונג און אַ אַטמאָספערע פו פייערליכקייט אין אונזער יום טוב, קאָן איך אָבער אין גאנצען פון זיך ניט פארטרייבען די זבובי מות, וועלכע רוישען און זשומען אין מוח אין דער פאָרמע פון אומעטיגע און טרויעריגע געדאנקען, וואָס מאַטערען און פייניגען דעם געוויסען מיט די אלטע ביבלישע פראַגען, ווי "ולשמחה מה זה עשה?" אָדער מיט דעם "מעשי ידי טובעים בים ואתם אומרים שירה!" און באמת האָט זיך נאָך קיין מאָל צו אונזערע שמחות זין אזוי צוגעפאסט דער אויסדרוק פון אונזערע חכמים: "אין שמחה בלא תוגה ואין ששון בלא אסון", אָדער דער "אין כוס עדנים בלא רסים רעל..."

# אַ פּאָר ווערטער פון באַגריסונג צום איצטיגען יום טוב פון אונזער פעראיין און פרויען אַקזילועריִ

עס איז ווי אין פאָלקס לידער, "אכציג ער און זיבציג זי". בּיי אונז קאָנען מיר איצט זינגען "דרייסיג ער און פינף און צוואַנציג מיר", ווייל אונזער הארציגער צוזאַמען לעבען פון פעראיין און פרויען אַקזילועריִ, איז געוועזען די אלע יאָרען אזוי הארמאָניש און פאָלקסטימליך, דאָס מיר מעגען זיך גראַטולירען און באגריסען. לאָמיר האָפען דאָס מיר וועלען נאָך דערלעבען צו פייערען צוזאַמען דע פופציג יאָהריגען יובילעאום, נאָר אין א בעסערע און שעהנערע וועלט, און אונזער שטעדטעל קריניק זאָל צוריק אויפגעבויט ווערן און פארנעמען איהר ווירדיגען פלאַץ אין אידישען לעבען אין אייראָפּא.

זייט אַלע הארציג געגריסט, מיטגלידער און לאַנדסלייט פון קרינקער פעראיין און פרויען אַקזילועריִ.

חיענקע גרינבערג, פּרעזידענטין פון פרויען אַקזילועריִ

# מיין באגריסונג



שרייבענדיג איצט מיין באגריסנג צום 30 יאהריגען יובילעאום פון אונזער קרינקער פעראיין אין שיקאגא, און 25 יאהר ליידיס אקזיליערי, לויפען פארביי די פאסירונגען פון די לעצטע פינף מלחמה יאהרען. בלוטיגע יאהרען זיינען עס געווען פאר אונזער אידיש פאלק אין אייראפא. איבער פינף מיליאן ערמאדרעט פון א באנדע בלוט-הינט וואס האבען זיך פארמאסטען אומצוברענגען אלע אידען. כאטש מיר הערען פון זעהר ווייניג קרינקער לאנדסלייט וואס זיינען געבליבען לעבען, דאך טליט א האפענונג אז אלץ מעהר און מעהר נעמען פון געראטעטע קרינקער וועט זיך צו אונז דערטראגען, און אפשר וועט נאך אונזער שטעדטעל, קריניק, ווידער אויפלעבען אין א פרייער אייראפא.

פייערען מיר אונזער יום טוב מיט א פרייע הארץ, וויסענדיג אז נאהענט פון צוויי מיליאן אידען זיינען צווישען די געראטעוועטע. איבער צוויי הונדערט טויזענט אידישע קינדערלאך איז געלונגען אויסצובאהאלטען פון דער וועלט. די בלוטיגסטע מערדער באנדע און אלע פאשיסטישע און נאציסטישע כוחות ליגען איצט צושמעטערט, האבען מיר ווידער אמאל. באוויזען איבערצולעבען אונזערע גרעסטע שונאים דארפען איצט אלע קרינקער זיך פעסטער צוזאמענעמען און ביטראגען אונזער טייל — העלפען אויפבויען דעם חרוב געווארענעם אייראפאישען אידענטהום און העלפען בויען א נייע פרייע וועלט, א וועלט וואס וועט אויף אייביג באגראבען אלע פינסטערע כוחות, אז זיי זאלען שוין קיין מאל ניט סטראשען די פארניכטונג פון אלץ וואס איז שעהן און ערהאבען אין דער גרויסער וועלט, אין א נייער, א פרייער, ברידערלאכע צוזאמענלעבען פון אלע פראגרעסיווע כוחות זאלען בויען א וועלט וואס וועט ניט וויסען פון קיין טרערען, ניט פליסען קיין אומשולדיג בלוט, און מענשען ווי גלענצענדע שטערען, וועלען שיינען מיט ליבע און מוטה.

מיט גרוס,

פיליפ שניידער, פרעזידענט





כאָטש די בילדער פון די 3 בעאמטע פון פעראיין שטעהען באזונדער,
ווייל זיי זיינען ניט געוועזן אנוועזענד ביים נעמען דעם אַלגעמיינעם בילד,
אָבער מיר זיינען גייסטיג צוזאמען געבונדען ווי א נאָהענטע משפחה.





# A MESSAGE

## TO THE KRINKER VEREIN AND LADIES' AUXILIARY ON THE OCCASION OF THEIR THIRTIETH ANNIVERSARY

*by* DR. MOSES ZALESKY, Chicago

Seen in the light of the horrible tragedy, unparalleled in the annals of history, which has befallen our brethren in Europe, a Landsmannschaften Verein in this country transcends the bounds of a mere aid society. It becomes the perpetuation of the spirit of the home town in the New World. Just as the Lidice recently established in the United States embodies the bravery, the self-sacrifice, the defiance of tyranny and despotism which have ennobled the memory of the Lidice of Czechoslovakia so have our Landsmannschaften Vereinen on this blessed soil become the spiritual Lidices of the Jewish people. Similarly, the joint organization of the Krinker Verein and Ladies' Auxiliary, now celebrating its thirtieth anniversary, is a living memorial to the eternal glory of Kiddush Ha-Shem which our beloved Krynki has unfolded by the martyrdom of her noble, peace-loving, hard working people; by the bitter, desperate resistance which her heroic partisan sons and daughters haveoffered to the brutal, barbaric enemy of mankind and civilization.

We, their brothers and sisters, their own flesh and blood, must solemnly vow to hold high the torch of Jewish culture for which Krynki has been justly famous; to further the ideals of Jewish living and thinking which have characterized our community; to disseminate the virtues of charity and benevolence which have always constituted the tradition of our dear home town.

And the chain must not be broken! The memory of our Kdoshim must never die! Our children, born and reared in the democratic environment of America, must be trained to hold in high esteem and profound veneration the spiritual and intellectual values which our lost European communities have evolved and cherished; to be as proud and self-respecting Jews as their ancestors across the ocean and across the years; to be as faithful to our precious heritage, as perservering in the pursuit of justice, righteousness and brotherhood.

This is our new commandment, our unrelenting responsibility, our sacred duty: "And thou shalt tell thy son on that day." Tell your son—tell him the undying saga of martyrdom, so that he may transmit it to his children and to his children's children, unto the end of all generations. Let this saga inspire their souls and burn within their breasts with the flaming challenge to history:

AM ISRAEL HAI!

THE JEWISH PEOPLE LIVES!